**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער א באריכט פאר ניו יארקער איבער וואלד פייערן אריבער די סטעיט**

***סטעיט האט ארויסגעשיקט קרעפטן זיך צו אפרופן צו פייערן אין ראקלענד, אראנדזש, סקאָוהערי און אָטסעיגאָו קאונטיס***

***יערליכע פארבאט אויף פריוואטע האלץ פייער אין קראפט כדי צו פארמיידן וואלד פייערן***

גאווערנער קעטי האקול האט איבערגעגעבן א באריכט איבער וואלד פייערן וועלכע ברענגען אריבער ניו יארק. די גאווערנער האט ארויסגעשיקט קרעפטן פון מערערע אגענטורן צו ארבעטן צוזאמען מיט לאקאלע ערשטע הילף מאנשאפטן, און זי זעצט פאר צו שיקן מיטלען און זיך אפרופן צו פייערן אין ראקלענד, אראנדזש, סקאָוהערי און אָטסעיגאָו קאונטיס, צווישן אנדערע קאמיוניטיס.

"צוליב די טרוקענע אוןווארעמע וועטערס אין לויף פון די פאריגע פאר טעג האבן מיר געזעהן מער וואלד פייערן אין עטליכע קאונטיס, און מיר רופן זיך אפ שנעלערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג אלע ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם, און איך באדאנק אלע אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן, שותפות'דיגע אגענטורן און שכנים וועלכע ארבעטן צו איינצוימען די פייערן און באשיצן אונזערע קאמיוניטיס."

טרוקענע וועטער און נישט אסאך גרינע פלאנצונגען האבן געברענגט סכנות'דיגע אומשטענדן וועלכע זענען א טרייב קראפט פאר וואלד פייערן. בלויז אין די לעצטע וואך האבן וואלד רעינדזשער פון די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), ניו יארק סטעיט פאליציי לופט קרעפטן, לאקאלע פייער דעפּארטמענטס און טרענירטע וואלונטירן זיך אפגערופן צו קרוב צו 20 וואלד פייערן וועלכע האבן פארברענט מער פון 400 אקער אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט. אפגעכאפטע ווידעאו איז פארעפנטליכט דא: [ריטשמאנדוויל פייער]; [בלוּמינג גראָוו פייער]; [שינהאַלאָו פייער].

בעאמטע פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) און אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) בלייבן אויפן שטח אין ראקלענד, אראנדזש, סקאָוהערי און אָטסעיגאָו קאונטיס צו שטיצן די אפרופונג און קאארדינאציע, אריינרעכענענדיג ארויסשיקן דזשענערעיטארס צו שטיצן אפעראציעס אין אראנדזש קאונטי. אין צוגאב האט די אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל געעפנט די סטעיט פייער אפעראציעס צענטער און אקטיוויזירט די סטעיט'ס פייער געמיינזאמע הילף פלאן (Fire Mutual Aid Plan). דאס וועט ערלויבן צו שיקן מער מיטלען פאר פייער לעשער פון קאמיוניטיס אריבער די סטעיט אויב עס ווערט פארלאנגט.

**ראקלענד קאונטי - העווערסטראו ברעג און הוק מאונטעין**
די ערשטיגע פייערן זענען געווען צוטיילט אין דריי פלעצער: קאנגער, סטאָוני פוינט און נעבן די רעלסן. די קאנגער פייער איז אונטער קאנטראל, און די קרעפטן ווערן אהיימגעשיקט צוביסלעך, אבער עס פארבלייבן עטליכע הייסע פלעצער. וועסטשעסטער קאונטי העליקאפטערס זעצן פאר צו ארופלאזן וואסער אויף עס. די סטאָוני פוינט פייער איז כמעט אינגאנצן אויסגעלאשן און מאנשאפטן זעצן פאר צו לעשן די הייסע פלעצער. פייערן לענגאויס די רעלסן זענען אויסגעלאשן. די מצב אויף די גאנצע ארט וועט נאכאמאל אפגעשאצט ווערן מארגן אינדערפרי. די סטרוקטורן וועלכע זענען באריכטעט געווארן צו ברענען זענען געווען א פריוואטע הויז, א בודקע און א צוים. באנען זענען נאכאלץ אפגעשטעלט.

**אראנדזש קאונטי - בלומינג גראָוו און דיר פארק**
עס זענען דא צוויי פייערן אין אראנדזש קאונטי. די פייער אין בלומינג גראָוו רוקט זיך שטייטערהייט און האט אפגעברענט אומגעפער 85 אקער מיט 65 פראצענט פון די פייער אונטער קאנטראל. סטעיט אגענטורן געפונען זיך אויפן ארט און ערשטע הילף מאנשאפטן ציהלן צו האבן די פייער 100 אונטער קאנטראל ביז די ענדע פון די אפעראציעס היינט. אכצן פייער דעפארטמענטס רופן זיך אפ פון די קאונטי און פיר פייער דעפרטמענטס פון אינדרויסן פון די קאונטי העלפן ארויס. די Round Hill עלעמענטערי שולע איז פארמאכט געווען היינט פאר באזונדערע באווארענונג צוליב רויעך.

די פייער אין דיר פארק האט אפגעברענט אומגעפער 150 אקער און איז יעצט 75 פראצענט אונטער קאנטראל. פיר לאקאלע פייער דעפארטמענטס אין די קאונטי העלפן ארויס און אזוי אויך איין פון פענסילוועניע. ערשטע הילף מאנשאפטן ערווארטן צו האבן די פייער פולשטענדיג אין קאנטראל ביז מארגן נאכמיטאג, געוואנדן אויף די וועטער.

**סקאָוהערי און אָטסעיגאָו קאונטי - ריטשמאנדוויל**
די ריטשמאנדוויל פייער איז אונטער קאנטראל. די אינצידענט קאמאנד צענטער איז פארמאכט געווארן PM6 היינט נאכט און סטעיט וואלד רעינדזשער וועלן פארזעצן צו פאטראלירן די פייער צו זיכער מאכן אז עס פארבלייבט אונטער קאנטראל און זיי וועלן אפקילן הייסע פלעצער. באנען זענען נאכאלץ פארלאנגט צו פארן שטייט, צווישן 10 און 15 מ.פ.ש., צו זיין באזונדערס פארזיכטיג כדי צו פארמיידן נאך פייערן פון פינקען פון די רעלסן.

**אָנטאַריאו קאונטי - ספרינגוואָטער**
די ספרינגוואטער פייער אויף Old South Bald Hill Road האט פארברענגט 50 אקער. לאקאלע בעאמטע האבן די פייער 98 אונטער קאנטראל.

ניו יארקער ווערן דערמאנט אז די יערליכע פארבאט איברען סטעיט צו אנצינדן האלץ פייערן גייט אן ביז מאי 14. פייערן אין אפענע פלעצער איז די הויפט אורזאך פון וואלד פייערן אין פרילינג אין די סטעיט. די DEC אינפארסירט די יערליכע האלץ פייער פארבאט כדי צו פארמיידן וואלד פייערן און באשיצן קאמיוניטיס דורכאויס אומשטענדן וועלכע פארגרעסערן די אויסזיכטן פון וואלד פייערן. פאר מער אינפארמאציע, זעהט דא. די פייער סכנה מאפע פאר די 2023 פייער סעזאן איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל, און עס ווערט אויפגעפרישט מיט די לעצטע פייער אומשטענדן.

**DEC קאמישאנער בעזיל סעגאָס האט געזאגט,** "די DEC'ס עליטע קרעפטן פון די וואלד רעינדזשערס און טרעניטע וואלונטירן רופן זיך אפ צו פייערן אריבער די סטעיט, און צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע פייער לעשער שטעלן זיי זיך אין סכנה כדי צו באשיצן אונזער היימער און נאטורליכע קוועלער. ניו יארק סטעיט באדאנקט יעדער איינער וואס רופט זיך אפ, באזונדערס די וואלונטירן, פאר זייער שווערע ארבעט. די סוף וואך און יעדן טאג ביז מאי 14, רוף איך אויף אלע ניו יארקער צו

אויספאלגן די פארבאט אויף האלץ פייערן און צו העלפן האלטן אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן און קאמיוניטיס זיכער."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אונזערע אפיסעס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג און פייער פארמיידונג און קאנטראל ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים אזוי ווי מיר ארבעטן צו אויסלעשן די פייערן ווי שנעלער און ווי זיכערער מעגליך. צו פאראויס שטופן די באמיאונגען האבן מיר אקטיוויזירט די סטעיט'ס פייער געמיינזאמע הילף פלאן און מיר האבן געעפנט די סטעיט פייער אפעראציעס צענטער צו גיבן פאר באטראפענע קאמיוניטיס גרעסערע מעגליכקייטן צו קענען צוקומען צו פייער לעשער מיטלען פון אנדערע לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט."

**סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "סטעיט פאליציי שטייען גרייט צו צושטעלן סיי וועלכע קרעפטן וועלכע קענען מעגליך זיין נויטיג צו ברענגען די פייערן אונטער קאנטראל. אין לויף פון די פארגאנגענע פאר טעג האט אונזער לופט איינהייט אראפגעלאזט וואסער פון אויבן און צוגעשטעלט בילדער פון די לופט, און מיר וועלן פארזעצן צו צושטעלן הילף ביז די פייערן זענען אויסגעלאשן און די פובליק איז זיכער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418